# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:12
מוצאי שב"ק.................8:40

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................מלכים-ב' ה'-ו'
בבלי........................מנחות ל"ו
ירושלמי.................ברכות מ"ג
תוספתא............מנחות פרק ב'
רמב"ם....................כלאים ט'


פרשת וילך, שבת שובה, ו' תשרי, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 1 (361)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ**, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעם פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, הָאט עֶר דֶעם גַּן עֵדֶן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. וַוייל אַפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַ צָרָה, וֵוייסְט עֶר אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם**, שְׁטַארְק דִיךְ אוּן הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט, **כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ**, וַוייל דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר אוּן עֶר וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶר הָאבְּן דֶעם גַּן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּלֶךְ ב')

***

**וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל**. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז') אַז דֶער עִיקָּר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק אִיז וֶוען עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט זֵיי, אוּן אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס, הָאט עֶר שׁוֹין אַ גוּט לֶעבְּן. אִין יֶעדְן מַצָּב וָואס עֶר אִיז, הָאט עֶר זִיךְ צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן.

אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, לָאזְט עֶר אִיבֶּער סְפָרִים אוּן תַּלְמִידִים וָואס זָאלְן דָאס וַוייטֶער לֶערְנֶען פַאר אִידְן, אַזוֹי אַז דִי דַעַת פוּנֶעם צַדִּיק בְּלַייבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ מִיט דֶעם שְׁטַארְקְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה**, אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִּיק וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מֹשֶׁה גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, **וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל**, רֶעדְט עֶר נָאךְ אַלְץ צוּ דִי אִידְן, וַוייל זַיין תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי אִידְן אִיז נָאךְ אַלְץ דָא אוּן מֶען לֶערְנְט דֶערִין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִּיק, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּלֶךְ א')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת שׁוּבָה

דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא פה:): וָואס מֵיינְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה אֵיין צְוֵויי מָאל, אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט". וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער דִי זֶעלְבֶּע פְרוֹי, דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר וִויל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, צוּ זַיין פוּן יֶעצְט וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דַאן זַיין עִיקָּר פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן, אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר עֶס נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועט עֶס נָאר

<<<<<<

## א גוט ווארט

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען הִיסְטָארְיֶע מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּרֶעזִידֶענְט וְכוּ'; דָאס פֶּעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס. מִיר דַארְפְן הַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אוֹיגְן אַז דִי מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זַיין מַאמֶעס, וָואס וֶועלְן זֵיי מִיט נֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן? וויפִיל פְּרָאצֶענְט נֶעמְט אַ מֵיידְל מִיט אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה פוּן אַלֶע יָארְן פוּן סְקוּל? בָּרוּךְ ה' בַּיי אוּנְזֶער סְקוּל נֶעמֶען דִי מֵיידְלֶעךְ מִיט יֶעדֶע מִינוּט פוּן זֵייעֶרֶע יָארְן אִין סְקוּל; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְן דַאוֶוענֶען, דָאס וֶועלְן זֵיי טוּן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. נָאכְן דַאוֶוענֶען טַאנְצְן דִי מֵיידְלֶעךְ - דָאס אִיז אַן עִיקָּר פַאר זֵיי, אַז מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועלְן זֵיי טַאנְצְן מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, הִלְכוֹת שַׁבָּת דָאס זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע הֲלָכוֹת; אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף קֶענֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת יָשָׁר וְהָפוּךְ, אַז נִישְׁט וִוי קֶען זִי אַרַיין גֵיין אִין קָאךְ שַׁבָּת אָן מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין?

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יוֹנָתָן אֵייבְּשִׁיץ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (יַעֲרוֹת דְּבַשׁ חֵלֶק ב', ב): "וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת שַׁבָּת אַפָּאר מָאל אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף הִלְכוֹת שַׁבָּת", עַיֵּין שָׁם. נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען הֲלָכוֹת וְכוּ', וֶוער זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַארְן קִינְד וֶוען דִי קְלֵייד וֶוערְט שְׁמוּצִיג אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט אָפְּוַואשְׁן מִיט וַואסֶער וַוייל דָאס אִיז חִילוּל שַׁבָּת דְאוֹרַייתָא?! אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִין סְקוּל הִלְכוֹת שַׁבָּת וֶוער וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי צוּ מַאכְן אוּם שַׁבָּת אַ גְרִינְצֵייג סַאלַאט אָן חִילוּל שַׁבָּת?! וֶוער וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי צוּ אָנְגְרֵייטְן דִי אֵייעֶר שַׁבָּת וֶוען מֶען קֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַפָּאר אִיסוּרִים בּוֹרֵר, לָשׁ, טוֹחֵן וְכוּ' וְכוּ'?!

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' תֵּצֵא תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




**זַייט אִיךְ בִּין גֶעוֶועןְ אִין אוּמַאן, בִּין אִיךְ עֶרְגֶער גֶעוָוארְן; וָואס מֵיינְט דָאס?**

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט אוּן פַארְוֵוייטָאגְט אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט אַז אִיךְ וֶועל אֲפִילוּ הָאבְּן אַן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אָבֶער פַּאקְטִישׁ בִּין אִיךְ זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן לִתְשׁוּבָה בַּיים צִיוּן הַקָּדוֹשׁ, אוּן לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען דְרֵיי מָאל בַּיים צִיוּן, צְוֵויי דֶערְפוּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִיךְ הָאף צוּ פָארְן אוֹיךְ אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּעֶזְר ה'.

אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז זַייט אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן בִּין אִיךְ נָאר עֶרְגֶער גֶעוָוארְן, אֶמֶת טַאקֶע אַז אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ רָצוֹן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען בַּיים צִיוּן, עֶס טוּט מִיר שׁוֹין וֵויי מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אַ הָאפֶענוּנְג אַז אִיךְ וֶועל נָאךְ אַמָאל וֶוערְן גוּט, אָבֶער פַּאקְטִישׁ בִּין אִיךְ מַמָּשׁ וִוי גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן בַּיים יֵצֶר הָרַע, וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן אִיז מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּרִיקְצוּהַאלְטְן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן, עֶר וֶועט זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"ן] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, "וֶועל אִיךְ מִיר לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט אַז זַייט דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַּאלְסְטוּ אַרָאפּ מֶער אוּן מֶער, דָאס אִיז וַוייל פַאר דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אִין אַ הֶסְתֵּר שֶׁבְּתוֹךְ הֶסְתֵּר, דוּ הָאסְט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דוּ טוּסְט שְׁלֶעכְטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נו): עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ "בְּהַסְתָּרָה תּוֹךְ הַסְתָּרָה", אִין אַ טָאפְּלְטֶע בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, "דְּהַיְנוּ שֶׁהַהַסְתָּרָה בְּעַצְמָהּ נִסְתֶּרֶת מִמֶּנּוּ דְּהַיְנוּ שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִסְתָּר מִמֶּנּוּ", דָאס אַלֵיינְס אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז פוּן אִים פַארְהוֹילְן, "אֲזַי אִי אֶפְשָׁר כְּלָל לִמְצֹא אוֹתוֹ מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", עֶר זוּכְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט אִים, נָאר וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם צַדִּיק נֶעמְט דֶער צַדִּיק אַרָאפּ דֶעם עֶרְשְׁטְן הֶסְתֵּר, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אוּן זֶען וָואס מֶען טוּט אַלְץ, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וִוי וַוייט מֶען אִיז פוּן דִי קְדוּשָּׁה, וִויפִיל מֶען דַארְף אַלְץ מְתַקֵּן זַיין, דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן אַ וֶועג דָאס אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן פַארְוָואס דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ אִידְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט שִׂמְחָה, זֵיי זוּכְן וֶועגְן זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, אַנְדֶערֶע חֲסִידִים זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי פַארְנוּמֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן; דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז ווִיבַּאלְד מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס נֶעמְט אַרָאפּ דֶעם עֶרְשְׁטְן הַסְתָּרָה הֵייבְּט מֶען אָן זֶען וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ פְרֶעגְן: "וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ וֶוערְסְט נָאר עֶרְגֶער וְכוּ'; דָאס אִיז נָאר וַוייל יֶעצְט הָאט דִיר דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דַיין טִיפְן שְׁלָאף, דֶערְפַאר הֵייבְּסְטוּ אָן צוּ זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט דִיר. דוּ שְׁרַייבְּסְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פַאר דֶעם אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, נָאר וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן הָאט זִיךְ דִיר גֶעעֶפֶענְט דַיין הַארְץ אוּן דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן יֶעדֶעס מָאל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין דִיר אַ הָאפֶענוּנְג, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַוַדאי קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דַיין טִיפֶע בְּלָאטֶע אוּן אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

אָנְהַאלְטְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם צוּרִיק פַאלְן.

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף עֶר טוֹישְׁן זַיין גַאנְצְן סֵדֶר, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן טוֹישְׁן זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר אִין לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ אַרַיין זֶעצְן אִין שׁוּל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן דִי מִינְדֶערְסְטֶע שַׁיְיכוּת מִיט סֵיי וֶועלְכֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן.

דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן, אוּן דָאס קֶען זֵייעֶר גְרִינְג צֶעפַאלְן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט. דֶערְפַאר לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְּרוּי, דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ", דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשְׁן קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר קֶען ווַייטֶער לֶעבְּן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זַיין צַייט, מִיטְ'ן זֶעלְבֶּע סֵדֶר הַיּוֹם וִוי בִּיז יֶעצְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אַזוֹי תְּשׁוּבָה טוּן.

וֶועט דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, אַז אוֹיבּ אַלֶעס בְּלַייבְּט דִי זֶעלְבֶּע וִוי בִּיז יֶעצְט, וִוי אַזוֹי טוּן מֶען דֶעמָאלְט תְּשׁוּבָה? וָואס דַארְף מֶען יָא טוּן צוּ זַיין אַן אֶמֶת'עֶ בַּעַל תְּשׁוּבָה? דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם זָאגְן מִיר דִי וָואךְ אִין דִי הַפְטוֹרָה, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז (הוֹשֵׁעַ י"ד, ג'): קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה' - אַ אִיד דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה.

אַ אִיד זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל פוּן הַיינְט אָן טוּן נָאר מִצְוֹת אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת", "בַּאשֶׁעפֶער זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן גוּט בִּיז יֶעצְט, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קֶען יֶעדֶער זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג, מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן. אוּן וֶוען אַ אִיד וֶועט דָאס טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זִיךְ, עֶר וֶועט זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דָאס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, עֶר פִילְט וִוי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן. מֶען דַארְף אָבֶער גֶעדֶענְקְן אַז מֶען הוֹיבְּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ וַוייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶער, אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, אוּן שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר וֶועט פִילְן אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים. עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער נַאכְט, עֶס נֶעמְט צַייט, דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶער (תְּהִלִּים ל"ד, ט') טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה', פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע וַוייבּ" - דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין וַוייבּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, נִישְׁט דַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט דִיךְ פוּן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר נָאךְ הֶעלְפְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ס"ג.): "זָכָה - נַעֲשֵׂית לוֹ עֵזֶר, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, שְׁטֵייט אִים דִי וַוייבּ צוּ הִילְף, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, אִיז זַיין וַוייבּ קֶעגְן אִים אוּן זִי שְׁטֶערְט אִים, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ עֶר אִיז וואוֹיל וֶועט אִים זַיין וַוייבּ נִישְׁט שְׁטֶערְן נָאר פַארְקֶערְט זִי וֶועט אִים נָאךְ מֶער צוּהֶעלְפְן צוּ וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן זַיין

<<<<<<

>>>>>>

נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז זַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ קֶעגְן אִים, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף נָאךְ מֶער תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין וַוייבּ זַיין מִיט אִים.

מֶען זֶעט בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן זִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת" זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "דָא זֶעט מֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ כְּפוּי טוֹבָה", אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרַע, אוּן דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, פַארְוָואס וַוארְפְסְטוּ אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיף דַיין וַוייבּ? וֶוען דוּ וָואלְסְט מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר דַיין וַוייבּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וָואלְט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן דִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, זֶעט מֶען אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַלֵיין זַיין וואוֹיל, וֶועט זַיין וַוייבּ אִים גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין "דִי זֶעלְבֶּע צַייט" - אִין יֶעדֶע צַייט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע צַייט אִיז טַאקֶע אַנְדֶערְשׁ, אַמָאל קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אַמָאל קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט.

אוּן אִין "דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעֲרָאל, אוֹיף יֶעדֶע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן קֶען מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ אוּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן מַצָב, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן אֵיינְס פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע יְסוֹדוֹת פוּן תְּשׁוּבָה, אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן קַיין גְרֶענִיץ. אוּן דֶערְפַאר, וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּהן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר קֶען נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלַן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר נָאר עֶר, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט.

אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז עֶס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִין, ה"ד, אוֹת ד') אַז דָאס אִיז דֶער נִסָיוֹן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף הֶערְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעצְט טוּן. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הֶערְט אַז הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה גֶעבְּט עֶר אַלֶעס אוֹיף, דַאן וֶוערְט עֶר טַאקֶע פַארְפַאלְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז זַיין נִסָיוֹן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ הֶערְט מֶען פוּן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וֶועם, אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן", דַארְף מֶען ווִיסְן אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם סַמֵךְ-מֵם צוּ דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען טָאר זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנֹם, צוּ קֶענֶען זָאגְן וֶוער עֶס גֵייט וואוּ. דֶערְפַאר קֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶס קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּן אָדֶער נִישְׁט, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, אוּן עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָׁנָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעווִיסֶע הַנְהָגוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן גַאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען.

אִינְצְווִישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים וֶועלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט זִיךְ בַּאצַייטְנְס וַוייל קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט, אַזוֹי ווִי ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קנ"ג.) "טוּ תְּשׁוּבָה אֵיין טָאג פַארְ'ן שְׁטַארְבְּן" הָאבְּן אִים זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט, "מֶען ווֵייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט, טוּ הַיינְט תְּשׁוּבָה, וַוייל אֶפְשָׁר מָארְגְן וֶועסְטוּ שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּן".

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְנַ"ת ... ) 

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אַלְס קִינְד הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער וֶועג צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק אִיז נָאר דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט דָאס טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט.**

## לה

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן וַואקְסְן אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוֹיסֶער דִי שְׂכַר לִימוּד וָואס זַיין טַאטֶע הָאט גֶעצָאלְט פַארְ'ן מְלַמֵד, פְלֶעגְט עֶר גֶעבְּן פַארְ'ן מְלַמֵד דְרֵיי גִילְדְן - פוּן זַיין אֵייגְן גֶעלְט וָואס עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן - פַאר יֶעדְן בְּלַאט גְמָרָא וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, כְּדֵי דֶער מְלַמֵד זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן לֶערְנֶען מִיט אִים ווִי מֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא יֶעדְן טָאג. אוּן דֶער מְלַמֵד הָאט טַאקֶע גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אַסַאךְ דַפִים גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר יֶעדְן דַף.

## לו

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ נָאךְ מֶער פְלַייסְן אִין לֶערְנֶען, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֵיין צוּ לֶערְנֶען אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שַׁ"ס אוּן פוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ אוּן עֵין יַעֲקֹב, זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אוּן תִּקוּנֵי זוֹהַר, אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, אוּן נָאךְ גָאר אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ מוּסָר סְפָרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאט אִינְדֶערְהֵיים אַלֶע מוּסָר סְפָרִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אַלֶע דוּרְכְגֶעלֶערְנְט. סְפֶּעצִיעֶל דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "רֵאשִׁית חָכְמָה" הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט גָאר אַסַאךְ מָאל, עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶרְ'ט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַ שִׁיעוּר.

דִי גְרוֹיסֶע בְּקִיאוּת וָואס מְ'הָאט גֶעזֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, אִיז גֶעוֶוען אוּמְבַּאגְרֵייפְלִיךְ, בִּפְרַט אִין תַּנַ"ךְ, אִין עֵין יַעֲקֹב, אוּן אִין אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל אוּן אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אוּן תִּקוּנִים, סְ'אִיז מַמָשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה זָאל זַיין אַזוֹי אָפְן פַאר אִים, מַמָשׁ ווִי אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּגֶעגְרֵייט פַאר זִיךְ אַ שֵׁיינֶעם טִישׁ מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף, אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פוּן אַלֶעס וָואס עֶר זֶעט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן. אוּן דָאס קֶען מֶען

המשך בדף ו

# דֶערְהַאלְט זִיךְ

## א

### הָאסְט אַלֶעס פַארְלוֹירְן? דֶערְהַאלְט זִיךְ!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר, סִפּוּרִים נִפְלָאִים, ב׳): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען פוּן פַארְקוֹיפְן עֶרְד צוּ מַאכְן דֶערְפוּן לֵיים, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְזוּכְן דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאמְד וָואס מֶען מַאכְט פוּן דֶעם לֵיים, אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס פַארְקוֹיפְן.

אֵיינְמָאל בִּשְׁעַת׳ן גְרָאבְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע שְׁטֵיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן דֶעם שְׁטֵיין, הָאבְּן אִים דִי צִירוּנְג סוֹחֲרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז וֶוערְד אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין דִי גַאנְצֶע לַאנְד אֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְּן דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן פַאר אַזַא טֵייעֶרֶע דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, נָאר אִין לָאנְדָאן, אִינֶעם עִיר הַמְּלוּכָה, וֶועט מֶען קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן פוּן אִים דֶעם שְׁטֵיין.

וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין לָאנְדָאן, הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט, בִּיז עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעקְלִיבְּן אַבִּיסְל גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט מִיט דִי גֶעלְט גֶעדוּנְגֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן וָואס זָאל אִים פִירְן צוּם יַם פָּארְט.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּארְט הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ׳ן שִׁיף הָאט מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעלָאזְט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט. הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים צוּלָאזְן צוּם שִׁיפְ׳ס קַאפִּיטַאן, עֶר הָאט גֶעוִויזְן דֶעם דֵיימַאנְט שְׁטֵיין פַארְ׳ן שִׁיפְ׳ס קַאפִּיטַאן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער בִּיזְנֶעס מַאן אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיטְ׳ן קֶענִיג. גְלַייךְ הָאט אִים דֶער שִׁיפְ׳ס קַאפִּיטַאן אַרוֹיפְגֶעלָאזְט אוֹיפְ׳ן שִׁיף אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דִי מְשָׁרְתִים מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דֶעם שֶׁענְסְטְן צִימֶער, אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד.

דֶער אִיד פְלֶעגְט זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְ׳ן דֵיימַאנְט שְׁטֵיין בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, דָאס פְלֶעגְט אִים מַאכְן אַפֶּעטִיטְלִיךְ, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט אִינְמִיטְן עֶסְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער מְשָׁרֵת רוֹימְט אָפּ דֶעם טִישׁ מִיטְ׳ן דֵיימַאנְט אִינְאֵיינֶעם, אוּן אַלֶעס אַרַיין גֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער. דֶער אִיד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט אַז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז שִׁיעוּר נִישְׁט אַרָאפּ פוּן זִינֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳יֶעצְט וֶוען דֶער שִׁיפְ׳ס קַאפִּיטַאן וֶועט זִיךְ דֶערְוִויסְן אַז אִיךְ הָאב גָארְנִישְׁט, וֶועט עֶר מִיר אַרַיין וַוארְפְן אִין וַואסֶער, וָואס קֶען אִיךְ דָא טוּן?׳ הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ עֶר אִיז רַייךְ, אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ בַּיי זִיךְ דֶעם דֵיימַאנְט שְׁטֵיין.

דֶער שִׁיפְ׳ס קַאפִּיטַאן פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר; אֵיין טָאג זָאגְט אִים דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן: ״אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, ווִיל אִיךְ דִיר פַארְטְרוֹיעֶן מִיט אַ גְרוֹיסְן סוֹד, אִיךְ הָאב דָא אִינֶעם שִׁיף אַסַאךְ סְחוֹרָה וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין לָאנְדָאן, וַוייל מֶען אִיז מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ גַנְבְ׳עֶ דָאס, אִיךְ וֶועל עֶס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוֹיף דַיין נָאמֶען אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁפֶּעטֶער פַארְרֶעכֶענֶען״. אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן; נָאכְ׳ן אָנְקוּמֶען קַיין לָאנְדָאן הָאט דֶער שִׁיפְ׳ס קַאפִּיטַאן גֶעכַאפְּט אַן הַארְץ אַטַאקֶע, אוּן דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַלֶע פַארְמֶעגְנְס וָואס עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי וֶוערְטֶער: ״דִי דֵיימַאנְט שְׁטֵיין אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעם אִידְ׳ס, וְהָא רְאָיָה עֶר הָאט דָאס פַארְלוֹירְן; דִי סְחוֹרָה פוּנֶעם שִׁיף הָאט גֶעהֶערְט פַארְ׳ן אִיד וְהָא רְאָיָה עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען; אוּן וִוי אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי רַייךְ? נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן״.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם נִמְשָׁל, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע נִמְשָׁל, אוּן אֲפִילוּ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס טוּישְׁט זִיךְ דֶער נִמְשָׁל יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט; אֵיינֶער פַארְלִירְט זַיין גֶעלְט, אֵיינֶער פַארְלִירְט אַ שִׁידוּךְ, אֵיינֶער פַארְלִירְט קִינְדֶער, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעשְׁפִּילְט עוֹשֶׁר, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיטְ׳ן שִׁיפְ׳ס קַאפִּיטַאן כְּאִילוּ מֶען מֵיינְט נִישְׁט אִים, דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן רַייךְ וְכוּ׳.

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶענְצְלִיךְ פַארְלוֹירְן, עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דַארְף זִיךְ אָבֶּער דֶער אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, עֶר דַארְף זִיךְ הַאלְטְן וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ, עֶר דַארְף זִיךְ הַאלְטְן וַוייטֶער אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, וִוי כְּאִילוּ גָארְנִישְׁט הָאט פַּאסִירְט. עֶר זָאל וַוייטֶער פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן כָאטְשׁ אַבִּיסְל וִויפִיל עֶר קֶען, אַרַיינְכַאפְּן כָאטְשׁ עֶפֶּעס תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַרַיינְכַאפְּן כָאטְשׁ אַבִּיסְל מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים; אוּן אוֹיב וֶועט עֶר דָאס טוּן, עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן כָאטְשׁ אַבִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וִויפִיל עֶר קֶען, דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן.

דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידוּת בַּאשְׁטֵייט פוּן אֵיין וָוארְט - ״הִתְחַזְּקוּת!״. אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת. דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, מִיר זָאלְן זִיךְ ״דֶערְהַאלְטְן״, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אַזוֹי וִוי דֶער אִיד אוֹיפְ׳ן שִׁיף אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, אָן גָארְנִישְׁט, יֶעדֶע רֶגַע קֶען מֶען אִים אַרַיין וַוארְפְן אִין וַואסֶער וְכוּ׳, דָאךְ אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ׳ן קַאפִּיטַאן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן הָאט גֶעשֶׁעפְטְן מִיטְ׳ן קֶענִיג.

## ב

### קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מ״ח): ״וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְּצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה״, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, סַיי אִין תּוֹרָה אוּן סַיי אִין תְּפִילָה, ״וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, גֶעדֶענְק גוּט וָואס אִיךְ זָאג דִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וַוייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ דָאס דַארְפְן גוּט וִויסְן, ״כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ״, וַוייל מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַלֶעמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין גֶעפִילְן, צִי מֶען שְׁפִּירְט יָא אַ טַעַם צִי מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דֶעם, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס דַאכְט זִיךְ אַז מֶען דַארְף דִיר נִישְׁט הָאבְּן אוּן מֶען אִיז דִיר מְרַחֵק וְכוּ׳, דַארְף מֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער נִסְיוֹנוֹת וִוי מִיר הָאבְּן, דָאךְ הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פְלֶעגְט זֵיי דֶערְצֵיילְן צוּ וָואס עֶר הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען; דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן פוּן זִיךְ, פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אִים וֶועלְן נָאכְמַאכְן. דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט הֶערְן צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין, וֶועלְן אַלֶע פְּרוּבִּירְן אִים נָאכְצוּמַאכְן.

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ׳, זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן: ״אִיר זֶענְט צוּגֶעקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וַוייל אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוּדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן נָאךְ צַדִיקִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת״, שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן כ״ו): ״יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אָדֶער מִצַּד יִחוּס, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין, אוּן גֶעזָאגְט: ׳אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, נִישְׁט וַוייל אִיךְ שְׁטַאם פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, אוּן נִישְׁט צוּלִיבּ מַיין נְשָׁמָה וְכוּ׳, נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם׳״.

דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן סִימָן כ״ה): ״אֲפִלּוּ אִם הָיָה מִמִּשְׁפָּחָה הַיְרוּדָה שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, הָיָה זוֹכֶה גַּם כֵּן לְמַה שֶּׁזָּכָה עַל יְדֵי עֹצֶם עֲבוֹדָתוֹ וִיגִיעָתוֹ,

שֶׁיָּגַע<< יְטָרַח מְאֹד מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", אֲפִילוּ עֶר וָואלְט וֶוען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי דִי פָּשׁוּט'סְטֶע שְׁטוּב, וָואלְט עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּלִיבּ וָואס עֶר הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ; קוּק אַרַיין אִין רַמְבַּ"ם הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה (פֶּרֶק ה', הֲלָכָה ב') וִוי עֶר זָאגְט דָארְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין. הֶער דֶעם לָשׁוֹן פוּן הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם: "דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְן דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן דָאס וָואס מֶען קֶען הֶערְן פוּן נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי זָאגְן, 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין גוֹזֵר גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל זַיין אַ צַדִּיק אוּן וֶוער עֶס זָאל זַיין אַ רָשָׁע', עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ, אָדֶער פַארְקֶערְט - וִוי יָרָבְעָם בֶּן נְבָט; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין אֵייגֶענֶע בְּחִירָה צִי עֶר זָאל זַיין אַ חָכָם אָדֶער אַ נַאר. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַ רַחֲמָנוּת'דִיגֶער, אָדֶער פַארְקֶערְט - אַן אַכְזָר, אָדֶער אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י"ב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמֶה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן אוּן דַאוֶונֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט פַארְמַאכְט דִי גֶעפִילְן אַז מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט, אַדְּרַבָּה מֶען זֶעט נָאר פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט וִוי מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן עֶס רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רס"א): "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט וִוי עֶר פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין מַדְרֵיגָה זָאל עֶר וִויסְן אַז דָאס אִיז פוּן הִימְל, "כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת", וַוייל דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְקָרֵב דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נָפַל, שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִיז נָאר אַז מֶען זָאל זִיךְ מֶער דֶערְנֶעְנְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם", דִי עֵצָה אִיז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנְדָאסְנַיי כְּאִילוּ מֶען הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם, "וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה' שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנַייעֶן אִיז אַ גְרוֹיסֶע יְסוֹד אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס: "וְעַיֵּין עִנְיָן זֶה עוֹד בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כַּמָּה צָרִיךְ הָאָדָם לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדַת ה' וְלִבְלִי לִפֹּל מִשּׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם, רַק לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ זֶען וִוי סַאךְ מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶער נְקוּדָה - זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְצוּפְרִישְׁן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. עַיֵּין הֵיטֵב בְּעִנְיָן זֶה, וְיֶעֱרַב לְךָ לָעַד.

מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן גָארְנִישְׁט; אֲפִילוּ וֶוען מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען הַאלְט אִין אֵיין וַוייטֶער אַרָאפּ פַאלְן וְכוּ' זָאל מֶען דָאס נִישְׁט אָנְקוּקְן וִוי אַ נְפִילָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי וִוי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל", דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער דַארְף מֶען אַרָאפּ גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת, וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס וִוי מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶער נִישְׁט אוֹיף אִים צוּ בֶּעטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט"; הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן: "טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר פַאל אִיךְ צוּרִיק". וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל. נָאךְ מֶער שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה ק"נ:) אַז קַיין אֵיין גוּטֶע ווִילְן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר אִיז נָאךְ וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה זָאל עֶר בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן צוּ זַיין גוּט, וַוארְטְן אוּן וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז קַיין אֵיין תְּפִילָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן, עֶס נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אַלֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

## ג

### יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב

אַ אִיד קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן, "וָואס אִיז שׁוֹין וֶועט דָאס וָואס אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וָואס אִיז שׁוֹין וֶועט דָאס וָואס אִיךְ כַאפּ אַמָאל אַרַיין אַ גוּטֶע זַאךְ דָא אוּן דָארְט? אִין דִי צַייט וָואס פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הַאלְט אִיךְ אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אֵיין מִינוּט שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּ זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ שׁוֹין וַוייטֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ בִּין שׁוֹין וַוייטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, וָואס אִיז שׁוֹין וֶועט מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט".

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ רַייסְט זִיךְ אַוֶועק פוּן אַן עֲבֵירָה, עֶר אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרַע, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ק"נ:): "וְלֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד מִקַּמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", קַיין אֵיין גוּטֶע מַחְשָׁבָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּבְגִין כַּךְ, זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּמְהַרְהֵר הִרְהוּרִין טָבִין לְגַבֵּי מָארֵיהּ, דְּאַף עַל גַּב דְּלָא יָכִיל לְמֶעְבַּד לוֹן", דֶערִיבֶּער - זָאגְט דֶער זוֹהַר - ווּאוֹיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, וַוייל אֲפִילוּ עֶר קֶען דָאס נָאךְ נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין, "קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא סָלִיק לֵיהּ רְעוּתֵיהּ כְּאִילוּ עָבִיד", רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּאִילוּ עֶר הָאט דָאס מְקַיֵּים גֶעוֶוען; דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט זִיךְ אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר קוּקְט צוּזַאם דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּץ, דַארְף מֶען פוּן דָארְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ"; אַלֶע דִיבּוּרִים אוּן גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת וֶועט אִים הֶעלְפְן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וָואס אִיז בִּכְלָל דִי שְׁאֵלָה צִי עֶס אִיז חָשׁוּב דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט בִּשְׁעַת מֶען הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן? יֶעדֶע מַחְשָׁבָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר לְטוֹבָה, וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן. אוּן זִיכֶער אַ גוּטֶע דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט אוּן כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחוֹמֶר אַ גוּטֶע מַעֲשֶׂה וָואס מֶען טוּט - וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין, אֲפִילוּ וֶוען צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט הַאלְט עֶר אוֹיךְ אִין
<<<<<<

**הַמשך פון דף ג**

אַבִּיסְל זֶען בַּיים לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן.

## לז

זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ, עֶר אִיז כְּסֵדֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אֲפִילוּ בַּיים סוֹף פוּן זַיין הֵיילִיג לֶעבְּן, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט גָאר אַסַאךְ תּוֹרָה.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אוּן זֵיי מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן כָאטְשׁ וָואס זַיין מֹחַ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט גְרוֹיסֶע אוּן הוֹיכֶע הַשָּׂגוֹת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט גֶענוּג צַייט צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה פָּשׁוּט׳עֶרְהֵייט יֶעדְן טָאג.

דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען טָרוּד אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶר הָאט אַלְץ גֶעהַאט צַייט פַאר אַלֶעס, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רוּאִיגְקֵייט אוּן יִשּׁוּב הַדַעַת.

## לח

עֶר פְלֶעגְט אַלְץ לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, אִין אֵיין שָׁעָה פְלֶעגְט עֶר לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע בְּלֶעטֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים אַרוּם וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אוֹיפְ׳ן דַף, דֶער טוּרֵי זָהָב, מָגֵן אַבְרָהָם, בְּאֵר הַגוֹלָה, פְּרִי חָדָשׁ, אוּן עֲטֶרֶת זְקֵנִים, אִין דָאס גְלַייכְן בַּיי דִי מְפוֹרְשִׁים אִין דִי אַנְדֶערֶע חֲלָקִים אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בִּשְׁעַת דֶער עוֹלָם גְרֵייט זִיךְ צוּ צוּם דַאוֶונֶען אִינְדֶערְפְרִי, וִוי לַאנְג מְ׳וַוארְט אַז דֶער עוֹלָם זָאל זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען צוּם דַאוֶונֶען, אִין דִי צַייט הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעלֶערְנְט עֶטְלִיכֶע בְּלֶעטֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט, סַיי גְמָרָא סַיי שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן אַנְדֶערֶע סְפָרִים, הָאט עֶר אֵייבִּיג גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר שְׁנֶעל.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

>>>>>>

אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ לוֹיטֶערֶער רֵיינֶער אִיד.

וֶוען אַ אִיד וִויל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר וִויל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן פִירְן עֶרְלִיךְ, דַאן וֶועט עֶס אִים נִישְׁט גֵיין אַזוֹי גְרִינְג, דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נִישְׁט לַיידְן אַז דֶער אִיד וִויל זִיךְ אָפְּרַייסְן פוּן אִים, אוּן עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מוּט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל מֶער נִישְׁט וֶועלְן אֲפִילוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וָואס הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט? אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט דִיר לָאזְן אַוֶועק גֵיין פוּן אִים אַזוֹי גְרִינְגֶערְהֵייט? דוּ בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים מִיט אִים, אוּן יֶעצְט וֶוען דוּ ווִילְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים מֵיינְסְטוּ אַז עֶר וֶועט דִיר לָאזְן אַנְטְלוֹיפְן?! עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן, עֶר וֶועט דִיר אַרָאפּ וַוארְפְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; אַזוֹי גֵייט אַ מִלְחָמָה, אַ פַּאטְשׁ פַאר דִיר, אַ פַּאטְשׁ פַאר מִיר, אַ קְנַאק פַאר דִיר, אַ קְנַאק פַּאר מִיר; דֶער עִיקָר אִיז וֶוער עֶס גֶעבְּט דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ.**

יֶעדֶעס מָאל דוּ וֶועסְט וֶועלְן אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן, וֶועט עֶר צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר אוּן וַוייטֶער בְּרֶענֶען אִין דִיר; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הַאלְטְן קָאפּ אוֹיף אֵיין זַאךְ: "אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף"; "אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט וִוי מֶען טְרַייבְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָׁה, מֶען אִיז אִים מְרַחֵק מִיט אַלֶע סָארְט הִתְרַחֲקוּת, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט עֶר: "אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ מַיינֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת, אִיךְ וִויל נָאךְ אַלְץ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקוּן י״ג; כ״ט.): דִי אִידְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט אַסַאךְ פֶעלְקֶער, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶס הָאט בַּאזִיגְט דִי מִלְחָמָה, "אָמַר, תִּסְתַּכְּלוּן בְּאִלֵּין דִּרְשִׁימִין בְּמָאנֵי קְרָבָא בִידַיְיהוּ, וְתִנְדְּעוּן מָאן נָצַח דִּינָא", הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַ סִימָן, מֶען זָאל קוּקְן וֶוער עֶס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט - דֶער הָאט מְנַצֵחַ גֶעוֶוען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען זֶעט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַאלְטְן דִי ד׳ מִינִים אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, דוּרְכְדֶעם וֵוייסְט מֶען אַז זֵיי הָאבְּן מְנַצֵחַ גֶעוֶוען דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם; פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, שַׁבָּת, הֲלָכָה ז׳, אוֹת נ״ד): לִכְאוֹרָה, בַּיי אַ מִלְחָמָה, וֶוען מֶען זֶעט וֶוער עֶס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם מְדִינָה אוּן אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳עט זַיינֶע פַיינְט אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס אִיז דֶער גֶעוִוינֶער, מִמֵילָא וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה וֶוער עֶס הָאט מְנַצֵחַ גֶעוֶוען; נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, וָואסֶערֶע מִין תֵּירוּץ אִיז דָאס אַז וֶוער עֶס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט דֶער הָאט גֶעוִוינֶען, אַדְרַבָּה, וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה דַארְף שׁוֹין נִישְׁט הַאלְטְן קֵיין גֶעוֶוער, אוּן וֶוער עֶס הַאלְט נָאךְ יָא דִי גֶעוֶוער אִיז אַ קְלָארֶער סִימָן אַז עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה?! עֶנְטְפֶערְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר שֵׁיין, אִין הָכֵי נַמִּי, סְתַּם אַזוֹי בַּיי אַ מִלְחָמָה נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מְנַצֵחַ דֶעם שׂוֹנֵא דַארְף מֶען טַאקֶע שׁוֹין נִישְׁט קֵיין גֶעוֶוער, אָבֶּער בַּיי דִי מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר וָואס גֵייט אָן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אִיז דֶער עִיקָר נִצָּחוֹן אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף צוּ קֶעמְפְן; וֶוער אִיז דֶער גֶעוִוינֶער? דֶער וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם גֶעוֶוער, אוּן וִוי לַאנְג מֶען הַאלְט דֶעם גֶעוֶוער - וָואס דָאס אִיז תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מ״ח, כ״ב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זָאגְט דֶער תַּרְגוּם: "בִּצְלוֹתִי וּבְבָעוּתִי" - וַוייזְט דָאס אַז דֶער אִיז דֶער גֶעוִוינֶער; דָאס זָאגְט דֶער זוֹהַר: "מָאן נָצַח דִּינָא?" וֶוער אִיז דֶער גֶעוִוינֶער? דֶער וָואס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין הַאנְט.

## ד

## אַרוֹיס פוּן דִי בְּלָאטֶע

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קכ״ט): "וְאַפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): "אוּן אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרֵייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרֵייט, אוּן מֶע שְׁרֵייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

דֶערְפַאר, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, דוּ זִינְדִיגְסְט מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלַן; אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה - אֵיין עֲבֵירָה שְׁלֶעפְּט דָאס צְווֵייטֶע, דָאס שְׁלֶעפְּט דִיר נֶעבֶּעךְ צוּ נָאךְ עֲבֵירוֹת, הָאסְטוּ נָאר אֵיין עֵצָה: "פָאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן", שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תמז) אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר לִיגְט אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אוּן טוּט זֵייעֶר גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר וִויל דֶער רֶבִּי זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין בְּלָאטֶע. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ טוּ גוּטְס, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן"; דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה תְּפִלָּה וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט עֶר אוֹיס, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ דַף גְמָרָא וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר אַלֶעס לָאזְן טוּן אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֶען מֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, חֲכִירוֹת וְקַבְּלָנוּת, הֲלָכָה ב׳, אוֹת י״ב): "וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁנָּפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל, וְהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי מַעֲשָׂיו הָרָעִים, אַף־עַל־פִּי־כֵן יָכוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ בְּקַל עַל־יְדֵי לִמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ לְמִי שֶׁהוּא בְּעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. וּמְעוֹרֶרֶת אוֹתוֹ וּמְקָרֶבֶת אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ", אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית חַס וְשָׁלוֹם אוּן הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, קֶען עֶר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, "וְהַכְּלָל, שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ בְּעִמְקֵי תְּהוֹם לְעוֹרֵר אֲפִלּוּ אֶת הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים, לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ. וְעַל־יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה - יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ אֲפִלּוּ מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כ״ב.): 'אֵין דִּבְרֵי תוֹרָה מְקַבְּלִין טֻמְאָה', וְעַל־כֵּן אֲפִלּוּ הַזָּבִין וְהַמְּצֹרָעִים וְכוּ׳ עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה וְכוּ׳ - דָאס קוּמְט מְרַמֵז זַיין אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ "בִּסְטְרָא דִמְסָאֲבוּתָא", דַארְפְן אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "כִּי הַתּוֹרָה תְּקָרֵב גַּם אוֹתָם לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ", וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט זֵיי אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים ל״א, י״ז־כ״א): "וְהִסְתַּרְתִּי פָנַי וְכוּ׳ וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו וְכוּ׳, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", אֲפִילוּ וֶוען אִידְן זִינְדִיגְן חַס וְשָׁלוֹם אוּן דוּרְךְ זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן זֵיי דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אַן הַסְתָּרַת פָּנִים חַס וְשָׁלוֹם, דָאךְ וֶועלְן זֵיי זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְכוּ׳ כִּי לֹא תִשָּׁכַח" וְכוּ׳. עַיֵּין שָׁם.

אִין אָנְהֵייבּ וֶועט מֶען טַאקֶע נִישְׁט הָאבְּן קֵיין גֶעדוּלְד צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת אָדֶער גְמָרָא וְכוּ׳, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלַן, וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ פוּל מִיט נֶערְוְון, מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אוֹיךְ וֶועט זַיין שְׁוֶוער צוּ קָאנְצֶענְטְרִירְן דֶעם מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט - דָאךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ע״ו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין; אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

<<<<<<

>>>>>>

נֶעם אָן דִי צְוֵויי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְן אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, סְפֶּעצִיעֶל זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִיד פוּן הִימְל, דֶער מַגִיד פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ' אַלֶעס בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אַמָאל מֶער, קוּק אַרַיין אִינֶעם סֵפֶר מַגִיד מֵישָׁרִים (מִשְׁלֵי סִימָן כ"ג, עָמוּד קס"ג): "הִשְׁכַּמְתִּי כְּמִנְהָגִי לִקְרוֹת בַּמִּשְׁנָיוֹת, וְקָרִיתִי כְּמוֹ מ' פְּרָקִים", אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער מַגִיד צוּ אִים בַּאוִויזְן; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף מְתַקֵּן זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרַיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט צוּם שׁוּסְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז עֶר קוּמְט אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אָבֶער בְּלֵית בְּרֵירָה מוּז עֶר יֶעצְט קוּמֶען אִין אַזַא שְׁפֶּעטֶע שָׁעָה וַוייל זַיין שׁוּךְ הָאט זִיךְ מַמָּשׁ יֶעצְט צֶערִיסְן אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן צִי עֶר קֶען דָאס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן. הָאט זִיךְ דֶער שׁוּסְטֶער אָנְגֶערוּפְן: "כָּל זְמַן דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן"; רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זי"ע אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'דָאס מֵיינְט מֶען מִיר; דָאס אִיז אַ בַּת קוֹל וָואס זָאגְט מִיר אַז כָּל זְמַן דִי לִיכְט בְּרֶענְט, דָאס הֵייסְט, ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, זַיין נְשָׁמָה אִיז אִין אִים, וָואס דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ לִיכְט אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כ', כ"ז): "נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם", קֶען מֶען נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי"ב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט (פְּסָחִים מ"ט:): "מִי יִתֵּן לִי תַּלְמִיד חָכָם, וַאֲנַשְּׁכֶנּוּ כַּחֲמוֹר", פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה הָאבּ אִיךְ אַזוֹי פַיינְט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוָואלְט פַארְצִיקְן אַזוֹי ווִי אַן אֵייזְל

<<<<<<

**המשך פון דף ד**

און דער ראש ישיבה האט מעודד געווען מ'זאל אויסנוצן יעדע מינוט וואס מ'ווילט דא אין אומאן, זיך אויסצובעטן א גוט געבענטשט יאר.

שב"ק אינדערפרי' האט ר' יושע אליעזר גליק געגעבן א נאמען ביי קריאת התורה, און האט געגעבן קידוש נאכ'ן דאווענען. ביים קידוש האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט סיפורי מעשיות (מעשה פונעם חכם ותם), און האט ספעציעל ארויסגעברענגט אז ווען מ'לעבט מיט די עצה פון "דאס איז מיין מעשה, און דאס איז יענעמ'ס מעשה", מ'קוקט נישט אויף א צווייטן, קען מען האבן א גוט לעבן אויף דער וועלט.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די מעשה פון אלישע און גחזי ווי דער גענעראל פון ארם איז געקומען זיך אויסהיילן פון זיינע קרעץ און אלישע הנביא האט אים געהייסן זיך טובל'ען אינעם ירדן, און ער האט זיך אויפגערעגט "ביי אונז איז דא אסאך געזונטערע בעדער ווי די שמוציגע וואסער פון ירדן", אבער זיינע ארומיגע האבן אים געזאגט "וואס האסטו צו דערלייגן? פרוביר עס אויס", און ווען ער האט געפאלגט איז ער טאקע געהאלפן געווארן. א מענטש קען טראכטן אז "פאר מיינע שווערע עבירות מוז איך רייסן שטיקער פון מיר כדי תשובה צו טון", דער אמת איז אבער אז מ'דארף גלייבן אין א צדיק און פאלגן וואס ער זאגט בתמימות ובפשיטות, אפילו ווען מ'פארשטייט נישט וויאזוי דער תיקון ארבעט, מען דארף גיין צום ציון און זאגן די צען קאפיטלעך פון תיקון הכללי, און אזוי וועט מען זוכה זיין צו פאררעכטן אלעס וואס מ'האט קאליע געמאכט.

מוצש"ק האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דער שיעור אין גמרא. און 1:00 איז געווען סליחות "זכור ברית", דער בעל תפלה איז געווען הר"ר אברהם הערש וועבערמאן שליט"א פון קרית יואל.

נאך סליחות האט מען געגעבן פדיון נפש פאר'ן ראש ישיבה שליט"א פאר עטליכע שעה, ביז 5:00 פארטאגס.

אינדערפרי' נאכן דאווענען, האט דער ראש ישיבה גענומען פדיון נפש פאר אלע וואס האבן נישט אנגעיאגט נעכטן, און דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דער שיעור אין גמרא.

דערנאך איז דער ראש ישיבה געגאנגען צום ציון זיך צו באטייליגן ביים "תיקון הכללי העולמי", וואס איז איינגעפירט געווארן אין די לעצטערע יארן אז צענדליגע טויזנטער אידן זאגן אויס אינאיינעם דעם תיקון הכללי ערב יום טוב ביי חצות. אזוי אויך זענען די קינדער געגאנגען זיך באטייליגן ביים "תיקון הכללי העולמי", און געזאגט דעם תיקון הכללי אונטערן די אויפזיכט פון די מלמדים. דערנאך איז סערווירט געווארן א פיינער טועמי'.

ראש השנה ביים זמן איז מען זיך צוזאם געקומען צו מנחה, דער בעל תפלה צו מנחה איז געווען הר"ר יונה זינגער שליט"א, צו מעריב איז צוגעגאנגען הר"ר אברהם הערש וועבערמאן שליט"א. נאך מעריב איז דער עולם אריבער זיך אנווינטשן לשנה טובה ביים ראש ישיבה, וואס האט יעדן שיין אנגעווינטשן.

נאך א שיינע סעודה, האט זיך דער עולם געאיילט צו גיין שלאפן, כדי צו קענען אויפשטיין אינדערפרי' פאר'ן עלות. פארטאגס איז מען אויפגעשטאנען 5:00, און 5:30 האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם שיעור אין גמרא, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אינאיינעם צו גיין צום ציון, פארטאגס ווען ס'איז ליידיגער און מ'קען זיך אויסבעטן מיט מער ישוב הדעת.

8:15 איז געווען אדון עולם, פסוקי דזמרה האט געדאווענט הר"ר מרדכי הײמליך, און דער ראש ישיבה האט געדאווענט שחרית און מוסף, וואס איז געווען זייער שיין, די בארימטע כאר פון ישיבה אינאיינעם מיט די קינדער האבן זייער שיין מיטגעזינגען ביים דאווענען.

דער ראש ישיבה האט געזאגט א דרשה ביי תקיעת שופר, ער האט מעורר געווען אויסצונוצן די געהויבענע מינוטן ווי עס דארף צו זיין, בשעת מען בלאזט שופר צומישט מען די טענות פונעם שטן, און ער קען נישט מקטרג זיין, און דערפאר איז עס זייער א גוטע צייט וואס מ'קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מ'וויל, און איבערבעטן דעם אייבערשטן. אויך האט דער ראש ישיבה זייער שטארק געבעטן אז קיינער זאל נישט פיינט האבן א צווייטן, מען זאל זיך זייער דערווייטערן פון מחלוקת, אפילו ווען מ'האלט אנדערש פון יענעם, דארף מען זיך נאך אלץ ליב האבן.

דערנאך איז געווען א שיינע סעודה ווי מען האט געזונגען אינאיינעם שיינע ניגונים לכבוד יום טוב.

מנחה איז געווען 7:00, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט א שיינע דרשה, צו וואס עס זענען געקומען צו גיין א גרויסער עולם. דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, ער האט נאכגעזאגט וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן מיטל-נאכט, אז דער צווייטער טאג יו"ט איז שוין דינא רפיא, מ'איז שוין נישט אזוי אויסגעמוטשעט ווי מ'איז געווען ביים אנקומען קיין אומאן נאך א שווערע נסיעה, און דעריבער זאל מען זען אויסצונוצן דעם טאג מיט תפלות ותחנונים און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר, און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט דברי חיזוק והתעוררות מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

נאך די געהויבענע סעודה האט איינער געפרעגט וועגן גיין צום ציון ביינאכט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביינאכט איז נישט א פאסיגע צייט צו גיין צום ציון, ענדערש זאל מען זיך לייגן פרי, און גיין פארטאגס ווען ס'איז ריין.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, די זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט ביים צווייטן טאג יום טוב, דער עולם האט מיטגעהאלטן די געהויבענע תפלות, סעודות, שיעורים, און דרשות. פאר'ן זמן האט דער ראש ישיבה ווידער געזאגט א דרשה, ארויסברענגדיג וואס מ'נעמט אהיים פון דעם יום טוב אין אומאן, דער עיקר אז מ'זאל מיטנעמען די עצות פון הייליגן רבי'ן אויך אויף די גאנצע יאר, אויך ווען מ'גייט צוריק אהיים צום געווענליכן טאג טעגליכן שטייגער זאל מען געדענקען דאס וואס דער רבי לערנט אונז, צו לעבן מיט'ן אייבערשטן און זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין.

ויום טוב היו עושים בצאתם בשלום מן הקודש, מוצאי יו"ט האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ, און מ'האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע זכי' אז מיר זענען געווען אין אומאן אויף ראש השנה, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען זיכער גע'פועל'ט א גוט געבענטשט יאר פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה.

**מי שהיה אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח כל השנה!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **נחמן שמואל יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען

פיל אידיש נחת געזונטערהייט מיט

דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **ליפא שווארץ** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון איסר ני"ו למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען

פיל אידיש נחת געזונטערהייט מיט

דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **משה אריה שניטצלער** הי"ו

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

הבחור החשוב **בערל** ני"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען

פיל אידיש נחת געזונטערהייט

<<<<<<

פַארְצִיקְט אַ צְוֵוייטֶע בַּעַל חַי, אוּן בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל נֶעמֶען דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (מְנָחוֹת כ"ט:): "פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ נִישְׁט דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן דוּרְךְ רֶבִּי עֲקִיבָא?" זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אוֹיבּ מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן רֶבִּי 'עֲקִיבָא' אִיז: יֵ'שׁ קֹ'וֹנֶה עֹ'וֹלָמוֹ בְּ'שָׁעָה אַ'חַת; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹי פַּיינְט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד חָכָם זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר פַארְגֶעבְּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד', הֲלָכָה ח'): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אוּן עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דָאס בְּרֶענְגְט אִים דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע הַצְלָחָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר כַאפְּט אַרוֹיס, אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל אִים נָאר צֶעבְּרֶעכְן זַיין מוּט אַז עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן הָאפֶענוּנְג, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הַאלְט זִיךְ דֶער אִיד שְׁטַארְק מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, עֶס וֶועט אִים זַיין זֵייעֶר גוּט סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שמחה יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**

הבחור החתן **בנציון הי"ו** עב"ג בת

מו"ה **משה אריה שניטצלער** הי"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת געזונטערהייט מיט דורות ישרים ומבורכים

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינער יום טוב ראש השנה אריבער אינעם נייעם בנין אין אומאן

א הערליכע יום טוב איז אריבער אויף תלמידי היכל הקודש דעם ראש השנה אין אומאן, מוהרא"ש ז"ל פלעגט אלץ זאגן אז דאס וואס דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שי"ט) "אני אעשה מכם כיתות כיתות", מיינט נישט אז די כיתות דארפן זיך קריגן צווישן זיך, פארקערט, יעדער האלט זיך צוזאמען, אלע שעפן פונעם זעלבן לויטערן קוואל פון הייליגן רבי'ן, נאר יעדער טרעפט זיך פלאץ וואס קען מער אריינברענגען אין אים די לימודים פון הייליגן רבי'ן און אים דערנענטערן צום אייבערשטן, און אדרבה מ'דארף מחזק זיין איינער דעם צווייטן, לעבן באהבה ואחוה, און יעדער זאל מקבל זיין פון זיין משפיע וואס רעדט דאס בעסטע צו זיין הארץ.

דאס איז מקוים געווארן מיט'ן פולסטן שיינקייט ביי די תלמידי היכל הקודש, כאטש וואס מיר האבן ליידער פארלוירן מוהרא"ש זי"ע, האלטן זיך די תלמידים ווייטער אינאיינעם באהבה ושלום. יעדער פרובירט ווייטער ממשיך זיין צו לערנען זיינע הייליגע ספרים, צו מקיים זיין זיינע הייליגע עצות. די חשובי תלמידי מוהרא"ש זענען ממשיך פארצולערנען די תורות פון הייליגן רבי'ן לויט ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, און די תלמידי היכל הקודש זענען ווייטער מקבל יעדער איינער פון דעם פלאץ וואס רעדט דאס מערסטע צו זיין הארץ, און אזוי האט יעדער די ריכטיגע התחזקות זיך צו קענען שטארקן אין עבודת ה' אויפ'ן רבינ'ס דרך.

היי יאר אין אומאן האבן די תלמידי היכל הקודש זיך געהאלטן צוזאמען יעדער אויף זיין פלאץ וואו ער באקומט חיזוק און התעוררות במשך די גאנצע יאר. עס זענען געווען 4 באזונדערע לאקאלן פון בתי מדרשים פון היכל הקודש אין אומאן:

ביהמ"ד היכל הקודש "זכרון יחזקאל שרגא", אנגעפירט דורך הרה"ח ר' יצחק לעזער שליט"א. דער ביהמ"ד איז געווען אין א גרויסער שאטער גאנץ נאנט צום ציון הק' נעבן די צענטראלער באס סטאפ, דארט וועט בעז"ה געבויט ווערן אינעם קומענדיגן יאר א גרויסער פערמענאנטער ביהמ"ד, און מקוה מיט אלע הצטרכות'ער פון אכילה שתי' לינה.

בית המדרש היכל הקודש "חסדי חיים", וואס איז געווען אינעם גרויסן בנין פון מעגאמעטער, ממש אונטערן ציון הק', אנגעפירט דורך הרה"ח ר' נחמן שיק שליט"א, בנו בכורו פון מוהרא"ש ז"ל.

אויך איז געווען א לאקאלער ביהמ"ד היכל הקודש "בית נתנאל", אינעם הויף פונעם אכסני' פון הרה"ח ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א, אין צענטער פון אומאן, אויף די פושקינא גאס.

דערנאך איז געווען דער נייער בנין אנגעפירט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס איז פלאצירט געווארן ווייט ארויס פונעם צענטער, אויף דער בילאצערקיווסקע גאס, א וועג פון בערך 20-25 מינוט צו גיין פון ציון דורך שטילע געסלעך פון קליינע הייזער ארומגענומען מיט ביימער און גראז.

דער יום טוב ראש השנה ביים ראש ישיבה שליט"א איז אריבער זייער שיין אויף אן הערליכן אופן, עס איז געווען אן אנגעפילטער סדר היום ווי מען האט אויסגענוצט יעדע מינוט פון ווען מ'איז אנגעקומען ביז'ן אהיימגיין, מיט דאווענען, גיין צום ציון, סעודות, און שיעורי תורה.

דער בנין איז נאכנישט געווען פארטיג, און איז דעריבער געווען צוגערישט אויף א פראוויזארישער אופן. אבער עס געווען ב"ה צוגעשטעלט אלע געברויכן ברוחניות ובגשמיות. דער ריזיגער היכל בית המדרש איז געווען צוגערישט מיט הונדערטער זיץ ערטער, און איז געווען ליכטיג און לופטיג. עס זענען געווען פיינע באקוועמע נייע בעטן, געשמאקע מאכלים בהרחבה, און א פיינע גרויסער מקוה, און גענוג שויערס.

רוב ציבור איז אנגעקומען קיין אומאן דאנערשטאג נאכט, עס איז געווען צוגעשטעלט א פיינער נאכטמאל, מיט וואס מ'האט זיך מחי' געווען פונעם לאנגן וועג, און דערנאך האט מען גדאווענט מעריב און מען איז זיך געגאנגען צולייגן. אינדערפרי נאך א פיינע מקוה און תפלת שחרית, איז געווען צוגעגרייט א געשמאקע פרישטאג.

אין אלע וואכן טעג איז געווען צוגעשטעלט א פראקטישער "שאטל ספרינטער", וואס האט געברענגט און געטראגן דעם עולם צום ציון און צוריק אויף א פונקטליכער סקעדזשועל אהין און צוריק, יעדע 15 מינוט.

עש"ק נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם בארימטן שיעור אין א בלאט גמרא בבלי און ירושלמי, וואס דער ראש ישיבה לערנט פאר מיט א מורא'דיגע געשמאק יעדן טאג, און איז ספעציעל באקאנט מיט די שיינע דברי חיזוק וואס דער ראש ישיבה נעמט ארויס פון יעדן בלאט גמרא.

נאכמיטאג איז געווען א פיינע טועמי' צוגעגרייט, און דער עולם האט זיך געגרייט צום הייליגן שב"ק.

עס איז אריבער א הערליכער שבת, מיט שיינע ווארימע תפילות, הונדערטער אידן האבן זיך געשלעפט איבער א האלבע שעה אין די רעגן מיטצוהאלטן די תפלות. נאכ'ן דאווענען איז דער עולם אראפגעגאנגען אונטן צום עס זאל וואו איז צוגעשטעלט געווארן א הערליכע סעודה לכבוד שבת קודש, און נאך די סעודה איז מען צוריק ארויף אין שול צו די באטע, וואו מען האט געזונגען אינאיינעם די זמירות. דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ספעציעל ארויסגעברענגט די זכיה וואס מען האט צו זיין אויף א שבת ביים רבי'ן, וואס דער רבי זאגט אז דאס איז אזוי ווי פאסטן זיבן מאל משבת לשבת.

המשך בדף ג

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **יושע אליעזר גליק** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מאטי הערצאג** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט מיט דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך >** 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן